LIBRARY
JEWISH ... AMERICA

נומער: איינס

אפריל, 1931

# ליים און ציגל

## חודש־זשורנאל פון
## אַמעריקאַניש־דערצויגענע אידישע שרייבער

עס באַטייליקן זיך:

בעריש ווײַנשטיין, י. ל. טעלער, שאול מאלץ, ביטרים מארמאַר, סויא, בעטי קאָן

———— אַרײַנפיר: ————

צו וואָס קעמפן מיט די וואָס זענען געקומען פאר אונז, אז מיר הויבן אָן פון זיך אליין? מיר זענען יונג און מאָדערן און זוכן ניט קיין נייעס. מיר זוכן נאָר דעם וועג צו זיך, צו גלייכגעוויכט און ריינעם געוויסן. און מיר זענען אויך ניט יוגנט וואָס זוכט זיך אויס־צולעבן. מיר ווילן עפּעס מער — מיר ווילן דערגרייכן!

רעדאַקטירט פון
י. ל. טעלער

איינצל־נומער
15 סענט 10

From the library of
Michel Licht

MINKOFF



לונגען אריינצושרייען זיך אליין אין אויער. ער שרייט פון דרויסן אריין — אין זיך, און ניט פון זיך אין דרויסן ארויס. עס פעלט אים דאָס ריין־אינטימע.

אין אלגעמיין: פרייער פערז און רעאליזם בא וואלט וויטמאַנען זענען ניט עפּאָכע־מאַכנד. קונסט דאַרף פאַרלויפן דאָס לעבן, וויט־מאַן האָט נאָכגעטאָן דעם לעבן. און עס האָט אים געפעלט אינ־טעלעקטועלער שוואונג צו פערברייטערן און דערפירן דאָס לעבן ווייטער ווי דאָרט וואוהין עס האָט שוין אליין געטראָפן.

נאָך א פונקט: קינסטלער אנטוויקלען זיך געוויינלאך אין משך פון זייער שאַפן. וויטמאַן אָבער איז פון דער ערשטער אויסגאַבע פון זיינע „גראָזבלעטער“ ביז דער לעצטער — דערזעלבער. ניטאָ קיין ווייטערע דערגרייכונג, קיין פאַרטיפונג. די לידער האָבן נאָר געוואונען אין פאַטאָס, און דאָס איז דערפאַר ווייל זיין פאָזע איז געוואָרן זיכערער.

און דאָך איז דאָס שטענדיגע באַקלאָגן זיך אויף אמעריקא אז זי האָט ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט וואלט וויטמאַנען, אמת. זי האָט אים געגעבן די העכסטע טיטולן — נביא, פּראָפעט; זי האָט אים פער־שריען ממש ווי א לוטהער אין דער פּאָעזיע. ער איז ביידע ניט געוועזן.

וואָלט וויטמאַן איז געווען אן אמת־אמעריקאַנער פּראָדוקט, מיט היבשן טאַלאַנט און נאָך היבשערן חוש פאַר סענסאַציע, און איז אזוי ארום געוואָרן — א „דערפאָלג“ אין פּאָפּולערסטן זין פון וואָרט.

———

בנוגע רעדאַקציאָנעלע ענינים:
BRICK AND CLAY
380 East 8th Street New York

בעטי קאַן

## שטאָט פראגמענטן

לײג צו דײן פּנים צו דער
גלאַטער זײט פון א הימלקראַצער
און דו װעסט פילן װי קאַלט
א שטײנערנע שטאָט קען זײן
אין א דעצעמבער פרימאָרגן.

:——::——:

אין סאַבװײ חלום׳ט
אַן אַלטער מאַן פון װײסן שנײ,
און שנײ פאַלט לאַנגזאַם
אויף זײנע האָר פון אַן
[illegible]ענעם פענצטער.

:——::——:

אין דעם האַלב־טויטן גלאַנץ
פון סאַבװײ־לעמפּלאַך, האָב איך
דערזען א פּנים װאָס האָט געקענט
װײכער מאַכן מײן לעבן,
װאָס הערט שטענדיק דאָס האַקן
פון שטאָל אויף שטאָל.
געקאָנט מאַכן עס מער װי א שאַרך
פון װינט אין גראָזן.

## זיגמונד׳ס אויגן

דײנע אויגן זאָגן ניט
װאָס לבֿנות זאָגן...



זײ האָבן די טיפקײט פון
א בלויען טײך אין פרילינג, ניט
גערירט פון שאָרך פון פאַלנדיקע
בלעטער.

אפשר זענען זײ א טײך, װאו די לבֿנה
גיסט אויס אירע זילבער־בלויע גראַנקען?
דײנע בלויע, לבֿנה אויגן, װעלן
קײנמאָל ניט זאָגן דאָס װאָס לבֿנות זאָגן.

:——::——:

בעריש װײנשטײן

## װאַגאַבונדן-לידער

.1

זײ זענען װאַגאַבונדישע טאַטעס,
מאַנסבילן פון הפקרדיקע װײבער;
גײען זײ ארום צוקנעפּלט מיט הױלע בײכער,
שיך מיט שטריק צו די קנאָכנס געבונדן,
מיט צוקנײטשטע קלײדער און בײנערדיקע געזיכטער,
מיט צופליקטע העמדער און האָריגע ברוסטן,
גײען זײ אויף װינטן, זאַװערוכעס און רעגנס
איבער שטאָטישע קװאַרטאַלן. —
מיט צעשטאָכענע קעפּ און פאַרבלוטיגטע פּנימער
שטײען זײ אין װינקלען אויף די גאַסן צושטעלט,
און שטרעקן הענט מיט צושניטענע פינגער,

און בעטן אַ ציגאַרעטל פֿון לײטישע מענטשן,
אַ פּאָר גראָשן אויף אַ טעפּל קאַווע.
און אויף אײנגעפֿאַלענע װענט פֿון אַלטע הײזער
שלאָפֿן זײ געשמאַק אַדורך די נאַכט.

2

אויף מיר װאַרט אַ שװערער װינטער מיט װײַסע שװעלן,
מיט אַ סך רחמנות פֿון באַרימהערציגע מענטשן,
און אַ שטעקן װאָס װעט מיך פֿירן אַן אָרעמאַן איבער די הײזער;
באַנאַנד אַזוי װעלן מיר אַפֿילו קײן הױז ניט פֿאַרפֿעלן.
כ׳װעל אַרומגײן מיט אַ לײדיקן אַרבל אויפֿן רעכטן אָרעם,
װי אַן אומבאַהאָלפֿענער װאָס האָט אַ האַנט פֿאַרלאָרן,
װײַל כ׳װעל זיך שעמען פֿאַר לײַטן אַז כ׳קען קײן ברױט ניט
פֿאַרדינען.
און אַז קינדער װעלן נאָכלױפֿן, מיך ציִען בײַ די קלײדער,
אָדער חברים װעלן אָנװײַזן אויף מיר אין גאַס מיט די פֿינגער,
װעל איך אין דער װעלט אַװעק, װערן אַן אמתער בעטלער.
כ׳װײס אַ לאַנד װוּ כ׳װעל קענען װערן אַ הײמישער בעטלער; —
גאָט װעט מיר געבן כּח כ׳זאָל קענען האַלטן אויסגעשטרעקט
די האַנט,
און װעט מיך באַשענקען מיט אַן אָרט
װוּ כ׳װעל קענען שטײן און בעטן.
מענטשן װעלן מיר געבן נדבֿות און איך װעל זײ דערפֿאַר בענטשן,
און איך װעל מיך דערפֿאַר אַזױ העפֿלעך נײגן,
און מסתּם שױן אַזױ שטאַרבן בעטלדיקערהײט,
אָדער גאָר אױסגײן אין אַ קלױז צװישן אַלטע שמות.



סויא

## מערי װיגמאַן: די געשיכטע פֿון אַ „בעסט־סעלער“

מערי װיגמאַן איז פֿון דעם אַמעריקאַנעם פּובליקום אויפֿגענומען געװאָרן מיט זעלטענער באַגײסטערונג און מען האָט זי באַלד געזאַלבט אַלס אַ רעװאָלוציאָנערקע אין דער טאַנץ־קונסט. דאַנקאַן און װיגמאַן — צװײ שולעס. דאַרף מען ניט זײַן איבעריגנס איבעראַשט פֿונעם ענטוזיאַזם פֿון אַמעריקאַנער צושױער. דאָס איז דאָך אַ פּובליקום װאָס פֿרעגט בײַ די קריטיקער װען דער מולד איז און לױטן פּלאַקער פֿון די צײַטונג־קריטיקן װײסן זײ װען ראש־חודש איז.

עס איז פֿאַראַן אַ מינאָריטעט װאָס האָט אַביסל אַן אַנדער מײנונג װעגן מערי װיגמאַן און זײ קומט אויך דאָס װאָרט.

װאָס איז מערי װיגמאַנ׳ס נײַער מעטאָד?

גריכן האָבן געצילט צו פּערפֿעקטקײט אין דער טאַנץ־קונסט, צו פּלאַסטישער גאַנצקײט מערי װיגמאַן באַזיצט עס ניט. זי איז ניט געהובלט, ניט געאײדלט. איר קונסט איז אַ ניט־אויסגערעכנטע, ניט־אויסגעפֿאָרמולירטע. אירע באַװעגונגען זענען שטאַרק, מוסקוליאַרנע — גימנאַסטיש. ניטאָ אין איר די דורכזעעװדיקע לײַכטקײט פֿון קלאַסישן טאַנץ. אין טאַנץ גרײטן זיך אירע הענט צו פֿידל־שפּיל און געשלעג. עס איז טעזױם און אַנטיטעזױם. אַ דואַלע נאַטור.

איזאַדאָראַ דאַנקאַן האָט געשענקט מער אויפֿמערקזאַמקײט דער ליניע, דער גראַציע אין טאַנץ. װי בײַ די גריכן, איז בײַ איר די באַװעגונג געװען אַ קונסט נאָר דאַן װען עס האָט האַרמאָנירט מיטן שפּיל פֿון ליניע. איזאַדאָראַ דאַנקאַן האָט געטאַנצט מיטן אײבערשטן, מיטן פֿרױען־טײל פֿון קערפּער. דאָס איז גראַציע. װיגמאַן טאַנצט מיט די היפּטן און אָרעמס — דעם מוסקול־טײל, דעם מענערישן, און דערפֿאַר איז איר טאַנצן מאַסיװ און שטאַרק,

אָבער אָן גראַציע, אָן ליניע. מיר קאָנען דאָ ציען דעם סך־הכּל: איזאַדאָרא דאַנקאַן איז געווען די טענצערין פון שיינקייט, וויגמאַן — פון קראַפט.

ביידע זענען זיי געקומען צום קאַמף. נאָר דאַנקאַן איז געקומען מיט פרויען־זיכערקייט, מיט דיאַנא־קאַקעטישקייט. וויגמאַן קומט מיט בלינדן כּח. דאַנקאַן, אין אירע טענץ, האָט געפּרוּווט באַזיגן מיט איר פּערזאָן, בײַ וויגמאַנען איז עס אַ תּאווהדיק פאַרגעסן זיך אין קאַמף. דאַנקאַן האָט געוואוסט אַלע געפאַרן אין קאַמף און האָט אָנגעווענדעט סטראַטעגישע מיטלען, וויגמאַן איז דער נוקליאוס פון קאַמף אַליין.

בײַ איר איז די באַוועגונג ניט וויכטיג אַלס אַ האַרמאָנישער טייל פון עפּעס, אַלס אַ געטאַקטע שיינקייט. בײַ איר איז יעדע באַוועגונג אַ וועלט פאַר זיך — אומאָפּהענגיג — אַ פּראָטעסט.

מיט דער רויקייט אַליין וואָלט זי ניט געקאָנט אַרויסקומען פאַר אַ וועלט מערי וויגמאַן האָט אַ צווייטן וויכטיגן עלעמענט אין איר קונסט — און דאָס איז ריטהעם. ניט קיין שפּילעוודיקער ריטהעם, דערפאַר אָבער אינטיאַוטיוו און שטאַרק, אַ ריטהעם וואָס פאַרשווענקט און רייסט מיט. און דער ריטהעם שאַפט דעם הינטערגרונט פאַר אירע טענץ. רויע, ניט־געהויבלטע באַוועגונג, געצאַמט אין ריטהעם — דאָס איז די אמתע מערי וויגמאַן די דואַלע נאַטור.

דאָס באַמערקט זיך אַפילו אין די באַוועגונגען פון אירע הענט. בײַ פּאַוולאָוואַ, למשל, האָבן די הענט געהאַט אַ באַשטימטן, אויסגערעכנטן מעטער. בײַ איר זענען די באַוועגונגען פון די פינגער גריכיש־גראַציעז, כּמעט שפּילעוודיק, און די באַוועגונגען פון די הענט פּויעריש־מוסקוליאַר. איז אינטערעסאַנט: ריטהעם — פּראָאישקייט, ווערזוס קראַפט — מענערישקייט. און ווען מערי וויגמאַן באַנוצט זיך נאָר מיט איינעם פון די צוויי הויפּט־עלעמענטן אין איר שאַפן, איז איר טאַנצן בלייך, אָן שוואונג.

למשל: „טאַנץ פון שטורם".



געוויינלאַך איז דער שטורם אין טאַנץ ליכט, טרוימעריש — אַ שטורם אין מוזיק — אַ פאַנטאַזיע. בײַ איר איז דער שטורם „רעאַליסטיש". זי וויל אַרויסברענגען זיין גאַנצע רויע, אינערלאַכע קראַפט און ניט די אויסגעטרוימטע מעטאַפיזיק אונטער אים.

זענען אירע הענט אין דעם טאַנץ אונטער אַ וואָאַל און איר קערפּער טאַנצט אויס דעם שטורם. זי ווענדעט, פאַרשטייט זיך, אויך דאָ אָן דעם מוסקולן־טייל פון קערפּער, היפטן און פיס. איז פאַראַן קראַפט אין דעם טאַנץ, עס פעלט אָבער ריטהעם וואָס זאָל אַריינברענגען אַ לייכטערן אָטעם. „שטורם" בײַ איר איז צו מאַסיוו. שטורם מוז ניט זיין טרוימעריש־שפּילעוודיק (אָנגענעם־דורכגעפירט) — ער טאָר אָבער אויך ניט זיין ענג. שטורם איז שטאַרק, אָבער ניט שווער. ערד איז שווער און פויער — סטאַבילע זאַכן, אָבער ניט אַ זיך־פאַרבייטראָגנדיקער שטורם. ווייל זי ווענדעט אָן אַ סך כּח און ווייניג ריטהעם אין דעם טאַנץ — איז דער שטורם געפּענטעט. אַ שטורם אין אָן ענגער גאַס פון ניו־יאָרקער טענעמענטס, וואו ער קאָן זיך ניט אַרויסרייסן. עס פעלט אים שוואונג. עס איז נאָר אַ פּאַזע פון שטורם — אַ שטימונג. זיין קאַמף — אָבער ניט זיין נצחון. אַפילו ניט דער קאַמף, בלויז דער רצון צום קאַמף.

אין אַלגעמיין, איז אין איר טאַנץ ניטאָ אַ מעטאָד וואָס אַנדערע זאָלן נאָכגיין, ניט קיין שולע האָט זי געבראַכט. די עקזאַטישקייט און אָריגינעלקייט פון איר טאַנצן איז אין איר נאַטור. אַ שולע איז פאָרמולירט, בײַ איר איז עס טעמפּעראַמענט. טעמפּעראַמענט פון אַ דואַלער נאַטור. און דאָס קאָן מען ניט אימיטירן. איר פיזישע קראַפט אין טאַנץ און דער פּערפעקטער ריטהעם — שאַפן די אָריגינעלע מערי וויגמאַן. רויקייט און אוימגעהובלטקייט — איז אָריגינעל, עס איז אָבער ניט אַ מעטאָד!

אמבעסטן איז זי דווקא אין די טענץ וואו זי פּאָזירט ניט אַלס ענטדעקערין — אין „פּאַסטאָראַל טאַנץ" און אין „טאַנץ מאַנאָטאָן" באַנוצט זי די פּשוטסטע מיטלען און דערשיינט אין איר אמתן

געשטאַלט, די אמתע מערי װיגמאַן. די צװײ טענץ — זענען אפשר אירע בעסטע. פאַראַן אין זײ כח און אין דערזעלבער צײט שטאַרקער לעבנס־ריטהעם.

מערי װיגמאַן איז אין איר טאַנצן זער אימפּולסיװ און אָפּנהאַרציג — ביז פאַרדאַכט. עס זעט אױס פּאָזירט, עס רײסט אָבער פּאָרט מיט, אַזױפיל עקזאָטישער קאָליר איז פאַראַן אין איר טאַנצן.

װען זי טאַנצט שאַפט זיך דער אײנדרוק אז די בינע איז צו ענג פאַר איר — זי האָט פאַרבלאָנדזשעט. קײן אָריגינעלן מעטאָד ברענגט זי דאָך ניט. זי ברענגט נאָר אַן אָריגינעלן כאַראַקטער — אַן אײגנאַרטיקע פּערזענליכקײט. און די פּערזענלאַכקײט איז ניט פאַר דער בינע. בינע טאַנץ ריחט מיט סאַלאָנען און גוטע מאַנירן. אין איר טאַנץ פעלט גוטע מאַנירן. איר טאַנץ איז צו װילד פאַר דער בינע. זי האָט פּאָזע, אָבער ניט קאָקעטסטװא. קאָקעטירן קאַן מען אפילו אין א טאַשן־שפּיגעלע, אָבער פּאָזע פאָדערט א ברײטערן קרײז װי די בינע.

א באַװײז צולעצט: מערי װיגמאַן טראָגט מאַסקעס אין אירע מערסטע טענץ. נאַריש איז די רכילות אז װײל איר פּנים איז ניט שײן. פון װײטנס שאַפט זיך גענוג אילוז[illegible] עס איז בא מיר פאַראַן א חשד אז זי טראָגט די מאַסקע צוליב דעם װאָס זי האָט אַזױפיל עמאָציע. זי פילט אלײן אױך אז צופיל עמאָציע און אָפּנהאַרציקײט אין קונסט איז ניט אנגענעם און ניט קאָרעקט. עס שאָקירט די באַלעבאַטישקײט פון די אױגן װאָס קוקן אונטער שפּעקטיװן און לאָראַנעטן.

טאַנץ איז סטאַטועטיש־פּלאַסטיש. מערי װיגמאַן איז אָבער ניט קײן פּאַרטיקײט און דערגאַנצקײט. איך װאָלט חושד געװען



אַז זי טאַנצט ניט דעם זעלבן טאַנץ צװײ מאָל מיט פּונקט די־זעלבע באַװעגונגען. זי ענדערט אױף דער בינע אירע באַװעגונגען נאָכן אימפּולס.

סך־הכל: געקומען אַן אײגנאַרטיקע פּערזענליכקײט — מערי װיגמאַן. איז אָבער פאַראַן א שטאַרקער אומצוטרױ אין דער נאַטור פון קונסט־קריטיקער. זײ, װאָס האָבן זי געלױבט און האָבן פון איר געמאַכט א „בעסט סעלער“, האָבן זי אין דער אמתן פאַרלײקנט. איר עקזאָטישע נאַטור איז בא זײ ניט מער װי אַ קינסטלערישער מעטאָד. דאָס איז װאולגאַרער פּרעמיער־נאַכט ציניזם.

און אינטערעסאַנט איז די רעקלאַמע אױפן פּראָגראַם: „מערי װיגמאַן שול — צו לערנען דעם װיגמאַן מעטאָד“. אפשר אױך א שול צו לערנען דעם װיגמאַן מעטאָד פון עסן, גײן און ניסן? לעכערלאַך. יעדער מענטש עסט אױף א געװיסן אופן, איז עס דען שױן א מעטאָד? עס איז נאַטור און כאַראַקטער. אַזױ אױך מערי װיגמאַנס טאַנצן.

אירע תלמידות — מײדלאַך מיט מער אָדער װיניציגער טאַלאַנט, מיט אַן אױג פאַר בינע און קאַריערע — װעלן אױסגעפּוצט אין „אינדיאַנער פעדערן“, װיניציגסטנס זײן א פײנע אילוסטראַציע פאַר א זשורנאַל אָדער רעקלאַמע, און העכסטנס — גוטער בורלעסק.

מערי װיגמאַן האָט מעלות און חסרונות און בלײבט — מערי װיגמאַן.

שאול מאלץ

## ב ע ט ל ע ר

דער וואָס לענט אונטער מיט א שטעקן
זיין געבויגענעם גוף וואָס הינקט אף וועגן,
טראָגנדיק א ליידיקע טאָרבע אפן הארבאטן רוקן,
שטארנדיק פאר זיך מיט פארנעפּלטע אויגן,
געראמט אין סערפן אָנגעגליטע;
דער וועט שוין אזוי קריכן אף שליאכן וויטע,
און די בלאנע הענט קרייצנדיק שטרעקן
ביים זייען קערנער־טריט אף זומפּיקע וועגן.

מיט שלעפּנדיקע פּים וועט ער אקערן טריט
אף דעם צעוויקטן, טאָרפּיקן שליאך.
און זאפּן דעם איבל פון פוסטקייט אין געמיט
ווי א שטייענדיקער, מאכיקער טייך.
זיינע ליפּן וועלן שטענדיק זיין גרייט
אָפּצונאָגן פון דארע צווייגן ס׳זוניקע בלוט.

## ז ק נ י ם

פּנימער צעקנאָדערטע, ווי די קאָרע פון אַלטע ביימער;
אף זייערע געבויגענע קעפּ פאַלבן זיך גרויע האָר,
ווי די רינגען פון רעגנטראָפּנס אף מאָכיקע טייכן
אָנגעלעגט זיצן זיי אף בינטלאך יאָרן
ווי אף קופּעס שטרויען, וואָס האָבן אמאָל שעהן
זוניקע אין פּלעווע טראָבעלעך צום ווינט געוואָרפן.

זאָרגן בריען, ווי דער אָנריר אין צעבליטע דערנער.
בייסיקע טראגיק — וואָס מאכט פילן דאָס לעבן...

אין זייערע טרוקענע שאָרבנס גראָבלען זיי אויס,
ווי מיט הינערשע פיסלאך, די באַמאָלטע שערבעלאך
פון דעם אָנגעראיעטן הויפן מיסט אין לעבן.



ביטי מאָרמאָר

## דעמערצייט אין שטאָט

איך וואָלט געוואָלט זי אָפּמאָלן — די לאנגע
גרויע גאס מיט א ראָד פון בין־השמשות ליכט
אָרום אירע אקסלען. און דעם פעסטן אספאַלט,
און די גלייכע שטאַרקע הייזער; אפילו צו דעם
גרילציקן באן־גערויש וואָלט איך צוגעגעבן
עפּעס ווייך — עפּעס א שטריך פון דינע האָר.

די פארבן פון מיין בילד וועלן זיין הארטע —
ווי ציגל, נאָר די שאָטנס וועל איך מאכן
צארט — בין־השמשות זאנפט און צארט.

## ב ו ד א

גרינע בודאס זענען געזעסן מיט מאטע פּים פארבויגן
און אין די שטילע גרינע אויגן איז געלעגן א מאטע בענקשאפט.
וויאָלעטע אָטעמס האָבן געשוועבט אין די ווייררויך שנירלאך
און געוועבט זיך אין א ווילדן זיג־זאג, און געשמייכלט
האָבן זיי שטילערהייט מיט זייערע לאנגע, וויאָלעטע ליפּן.
א בלאס ליכט האָט זיך געצויגן רונדארום די ווענט
און געבויגן זיינע הענט אויף אלצדינג אין דעם צימער דאָרט.
איך אין וויאָלעט בין געזעסן מיט דער בענקשאפט שטיל באגאָסן...
מיטאמאָל האָט זיך א נעפּל־קאָפּ באוויזן, און אָנגעפאנגען רעדן
אויף א קאָלירטן לשון. נעפּאלן זענען אויף מיר טענער
פון געלע מדבר־זאמדן
וואָס האָבן מיט זייערע הייסע פינקלנדיקע נעגל

דעם אריענט געגלעט. טענער פון בלוי־שווייגנדיקע געצעלטן
מיט מעשות וואס זיי האבן זעלטן אויסגעגעבן צו דער וועלט.
און די ווייכע טענער זענען געפאלן ווייטער, ווייטער —
ביז מיין קאפ האט זיך שטיל אנגעהויבן בויגן
פון זייט־צו־זייט פערטשאדעט פון דעם טיפן מזרח־אטעם,
ביז איך בין גאר פארזונקען
אין די מזרח כשוף־פונקען...

═ ═ ═ ═ ═

י. ל. טעלער

# וואלט וויטמאן

(די געשיכטע פון א דערפאלגרייכן דיכטער)

אינטערעסאנט: בא דעם מענערישן, סופער־גברדיקן וואלט וויטמאן ליגט דער גאנצער כח אין היסטעריע און היסטעריע איז דוקא גארניט מענעריש. איז ער אבער געקומען מיט אזא היסטערישן פאטאס, אז מענטשן האבן אויפגעהויבן די אויגן און זיך גע'חידושט: „זע נאר, זע! א זכר, באמת א זכר — מיט א באָרד און א קאפעליוש פון א פאסטוך“. ווייל וויטמאן האט געהאט פיינעם טעאטראלן חוש. ער האט גוט באנומען דעם סוד פון דעקאראטיוון טייל אין דראמע.

וויטמאן איז ביז דרייסיג יאר געווען א למד־וואווניק, געשריבן אלבום־פערזן און אפגעריכט גלות אלס „דענרי“ אויף בראדוויי. און פלוצים — האט ער אליין אויפגעזעצט זיין „ליעווס אף גרעס“, זיך באלד פארפוצט אין ארבעטער־קליידער און א פאסטוכשן קאפעליוש, אויפגעהערט קאמען זיין באָרד — און געווארן דער נביא פון דעמאקראטיע.

נאכאלעמען, צו זיין א דיכטער פון דעמאקראטיע מוז מען



זיך דאך ניט אויספוצן פלוצים אין ארבעטער־קליידער. עס איז פארדעכטיג: פסיכא־אנאלאטיש וועט מען אויסגעפינען אז ער האט געליטן פון אן „אינפעריאריטעט קאמפלעקס“, אליין געצווייפלט אין זיין אויפריכטיגקייט. ער איז ניט געווען דער הארציגער דעמאקראט, נאר געצאלט געוויסן־שולדן דעם פראסטן המון. און סתם לאגיש אנאליזירט, איז עס פאזע אן א קאמפלעקס. בכל אופן — היסטעריע. פאזע — דאס וועלן שפילן די ראלע פון אן אנדערן, איז תמיד היסטעריע. היסטעריע איז פרויאיש. פון פאזע האט געליטן אסקאר ווײלד, פון דעם לײדן אויך אקטיארן — און דערפאר זענען די אקטיארן ניט צו מענעריש אין לעבן.

אין אלגעמיין דערמאנט וויטמאן שטארק אן די פאסיאן־שפילער, וואס זייער גאנץ לעבן גייען זיי ארום אין בינע־קליידער. וויטמאן איז א גאנץ לעבן אומגעגאנגען אין די קליידער פון זיין ראלע.

אז מען לייענט וואלט וויטמאנס ביאגראפיע, זעט מען באלד אז זיין לעבן איז געווען אפאלאגעטיש, ווי ער וואלט וועלן זיך אליין איבערציינגן. צוויי הויפט־שטרעמונגען זענען פאראן אין זיינע ווערק: דאס וועלן איבערציינגן די וועלט אז ער איז ד ע ר דעמאקראט, און דאס וועלן איבערציינגן די וועלט אז ער איז ד ע ר מאן. (צוליב זיין סעקסועלער פערווערזיטעט) און דאס אלץ איז פארגאנגען ביז היסטעריע און פון דעם שטאנדפונקט מוז מען שאצן וויטמאנען.

קודם־כל: וויטמאן אלס דער ענטדעקער פון פרייען פערז. וואס איז פרייער פערז? נייער ריטמישער שוואונג, דאס באפרייען זיך פון געפענטעטע פארמען. צי האט שוין וויטמאן אבער געשאפן נייע מעגלאכקייטן פאר דער פאעזיע דורכדעם? דאס איז אין צווייפל. די מעגלאכקייטן פאר פרייען פערז האבן דאך שוין עקזיסטירט. זיי האבן שוין עקזיסטירט אין דער פראזע. וויטמאן האט נאר געוואגט דאס זעלבע אין דער פאעזיע. איז דאס געווען בראווקייט אן ריזיקע... ווען ער האט שוין געוואגט דעם שריט, איז ער ווייטער ניט געגאנגען. און דאס: ער האט ניט

אויסגענוצט דעם ב ל ו י ז ן מעטאָר פון פּראָזע אין דער פּאָעזיע. ער האָט אַריינגעבראַכט די גאַנצע באַרעדעוודיגקייט פון דער פּראָזע. אין אַלטע פאָרמען איז מען געווען געפּענטעט, וואָלט איז צעשוואומען. פריהער האָט מען ניט געקאַנט אַלץ דערזאָגן, וואָלטמאַן האָט גענומען איינקנעלן און איבערזאָגן.

אין אַלגעמיין צווייפל איך צי מען דאַרף אים צושרייבן צופיל פאַר דער געוואָגטקייט אַפילו. חוץ וואָס די מעגלאַכקייטן פאַר פרייען פערז האָבן שוין עקזיסטירט, איז פאַראַן אַ באַווייז אַז אַנדערע האָבן אויך דערזען די זעלבע מעגלאַכקייטן. אַן אידישע דיכטערין, אַדאַ אייזעקס מענקען, האָט טאַקע אין זעלבן יאָר ווען עס איז דערשינען „ליעווס אָף גרעס", אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער אין ענגליש אויך אין פרייען פערז. וואָלטמאַן האָט זיך נאָר צוגעאיילט מיטן „קאָפּירייט".

אפילו וואָלטמאַנס אַריינברענגען די פּשוטע גאַסנשפּראַך — דעם „סלענג" — איז ניט קיין נייעס. עס איז געווען אַרום דער צייט פון בירגער־קריג. די לאָזונג איז געווען „פרייהייט און גלייכהייט". דער המון האָט געיובלט — און וואָלטמאַן איז דאַן אַרויסגעטראָטן מיט אַ וואולגאַריזירטן און ניט־אַזאַ־לינקאָלן־נאַאיוון „געטיסבורג אַדרעס". ער איז געקומען מיטן פאַרמעסט פון אַ נביא און געקלאַפּט דעם פאָלק אויף דער פּלייצע, ווי אַ דיסטריקט פּאָלימישן. (אפשר האָט זיין פּאָלי[illegible]ע און זשורנאַליסטישע דערפאַרונג געלאָזט דעם שטעמפּל אויף אים?) אין אַלגעמיין, איז זיין גאַנצע הומאַניטאַרישקייט אַן אויסוואוקס פון זיין עפּאָכע.

ער ברענגט דאָך ניט קיין ברייטע פילאָזאָפישע שיטות. זיין פילאָזאָפיע איז די וואָכעדיגסטע און טאָג־טעגלאַכסטע. עס איז די פילאָזאָפיע פון אַ „טאָם־דיק־און־העררי". ער שאַפט ניט קיין הויכן פאַרן פאָלק. ער כשר'ט אַלעם.

זיין אָפּטימיזם איז צו שרייענד, היסטעריש. עס איז אַ פּרוויש פאַרלירן זיך, עס פעלט אים מענערשער קאָנטראָל. ער איז געווען היסטעריש און די צייט איז געווען היסטעריש, און דאָס



איז דער שליסל צו וואָלט וואָלטמאַן, צו דעם וואָוילן דיכטער וואָלט וואָלטמאַן — אָבער ניט צו דעם געניאַלן כמו־האָמער, ווי קריטיקער מיט אַ חוש פאַר הומאָר ווילן האָבן.

וואָלטמאַן איז אויך געווען אַ צו שטאַרקער פּאַטריאָט פון דעם לאַנד, ער זאָל זיין דער אמתער הומאַניטאַריער. די נביאים, ווילט איר האָבן, זענען אויך געווען אָנגעשטעקט מיט שאָוויניזם. אַ טעות. זיי האָבן געפּרעדיגט אַ געוויסע עטישע הויך, צו וועלכער, לויט ווי זיי האָבן געגלויבט, דאָס אידישע פאָלק שטייט אָמנאָנטסטן. וואָלטמאַן איז אָבער באַגייסטערט פאַר דער ערד אַליין פון זיין מאַנהעטאַנאַ. צומאָל פאַרכלינעט ער זיך ממש מיט קיפּלינג־אימפּעריאַליזם.

איצט לאָמיר ווידער באַטראַכטן זיין סטיל. פרייער פערז, תנך, סלענג. דער געבוי פון זאַץ אומגעלומפּערט־לאַנג, דעטאַלירט. נעראַטיוו — אָבער מיט ניין מאָס רייד. ער האָט אַ מאַסע אויסרוף־צייכנס, דאָס באַנאַל־באַנאַלסטע אין דער פּאָעזיע. אויסרוף־צייכנס זענען אויך זשורנאַליסטיש. און אינטערעסאַנט צו באַמערקן: אַלע זשורנאַליסטן ווען זיי באַקערן זיך צו דער ליטעראַטור, ליידן זיי אויף סטיל, וואָלט וואָלטמאַן און טהעאָדאָר דרייזער.

וואָלטמאַן האָט אַ מאַסע פּובליציסטיק אין זיין שרייבן. אַ סך סענטימענטאַלישקייט — אין די שטילערע מאָטיוון, היסטעריע — אין די שטאַרקערע. אַפילו זיינע באַרימטסטע לידער, ווי “When Lilacs last in the door—yard bloomed”, אויפן טויט פון לינקאָלן, שטויסן אָפּ מיט די אויסרוף־צייכנס, מיט דעם איבערטריבענעם פּאַטאָס. און איז דער פּאַטאָס אויפריכטיג — איז ער סיי־ווי איבערטריבן. ווי איך האָב שוין דערמאָנט: זיין אָפּנהאַרציגקייט איז פאַרדעכטיג. עס איז צו פאַרשרייען זיך אַליין. ער איז אפשר דער ערשטער מענטש ווען עס איז גע-

# ליים און ציגל

תודש-זשורנאל פון

## אַמעריקאַניש-דערצויגענע אידישע שרייבער

נומער צוויי

מאַי, 1931

בעריש ווײנשטיין — לידער; ביטי מאַרמאַר — א גרוס פון היינט; איזידאָר ראַקאָוסקי — על-גרעקא; שאול מאלץ — נענעריש אמעריקע; י. ל. טעלער — עדגאר לי מאַסטערס; י. ל. טעלער — ליד; בעטי קאַן — ליד; סויא — בעטהאָווען: מענטש און געני.

רעדאקטירט פון

י. ל. טעלער

איינצל נומער 10 סענט

LEIM UN TSIGEL
380 E. 8th St., N. Y. C.

MINKOFF

די דעטאַלן זענען אזוי געריכט און אַנגעפּיקעוועט אז זיי פאַרגאַפּן און פּלעפּן.

אויב ער איז שוין ניט אין דעם פּעריאָד דער גרויסער דיכ-טער, איז ער אָבער דערפאַר — דער געניאַלער מייסטער. ער איז זיכערער און גלויביקער אין זיך, און פילט אז ער דאַרף און קאַן איבערלאָזן עפּעס מאָנומענטאַל. ניט בלויז פּערזענלאַכקייט, נאָר אויך פאָרם. פּערזענלאַכקייט קאַן אויפּברויזן באַוואונדערונג, פאָרם איז אָבער א נויטוועדיקייט פאַר דער וועלט.

בעטהאָווען, ווי יעדער אמתער געני, האָט אויך אַנערקענט די פרייהייט פון אַנדערע קינסטלער — פון די ווירטואָזן. ער האָט געהאַלטן אז די ווירטואָזן זענען ניט בלויז א „לאָגוס" און ניט בלויז טעכניקער. בעטהאָווען האָט געגעבן דעם ווירטואָז די רעכט צו באַטראַכטן א קאָמפּאָזיציע אַלס א וועלט, אין וועלכער דער ווירטואָז לעבט זיך זיין אייגענע וועלט. דאָס האָט לגמרי רעוואָלוציאָניזירט די אַבסאָלוטע, אינסטרומענטאַלע מוזיק.

מען האָט באַשולדיקט בעטהאָווענען אז ער האָט געשאַפן זייער ווייניק. דאַרף מען וויסן: עס איז פאַראַן דעקאָראַטיווע מוזיק, און פאַראַן מוזיק ווי באַך'ס. באַך'ס מוזיך איז געווען א מאָ-פּעסטאַציע פון זיין גלויבן. ער איז געווען א מיסיאָנער און פּרע-דיגער. ביידע סאָרטן מוזיק-גיבן דעם קינסטלער א סך סווישעטן און לייוונט. בעטהאָווענס מוזיק איז געווען קאָנדענסירט, ליידנ-שאַפטלאַך און טיף, ווי דאָס לעבן אליין. בעטהאָווען האָט זיך געראַנגלט, און א סך פון דער ענערגיע וואָס אַנדערע וואָלטן איינ-געשפּאַנט אין שאַפן האָט ער אויסגענוצט אין קאַמף מיט זיך.

און די וואָס באַשולדיקן אים אז ער איז ניט דערפינדעריש— די לעצטע פּעריאָדע פון זיין שאַפן מאַכט לעכערלאַך אזעלכע טענות.

פארלאג „ליים און ציגל" גרייט צום דרוק „בשורות פון הונגער", א בוך לידער פון יונגן דיכטער ש א ו ל מ א ל ץ

געזעצט בא איידלמאַן לײנא. קאָ.

בעריש וויינשטיין

## צו אַן ערשט-געבויר'ן קינד

אין דיינע אויגן זע איך דיין מאַמע'ס הייסע נעכט,
ס'בעט מיטן לייב אין טונקעלן שלאָפצימער ;
ס'ציטערט שטייף דער מאַמע'ס רייפער בוזים,
דער טאַטע, מיט פאַרגלייזטע אויגן, ליגט ווילד אין אירע אָרעמס,
און ס'טריפט אַזוי הייס דעם טאַטנס בלוט און פלייש.
דיינע אויגן זאָגן אויס דעם צער פון אַלע טראַגנדיקע מאַמעס,
ווען ס'ליגט דער בויך אויפגעדעקט אויף אַ גלאַטן טיש ;
אַ ווייסער פּחד שלאָגט פון דאָקטוירים און פון ווייסע שוועסטער
און ס'רייסן זיך די יסורים דורך די שטילע טירן פון שפּיטאָל.
אין רויטן נאָפּל היילן זיך דער מאַמע'ס רויע וואונדן,
און אין דיין זייגן מערט זיך די וועלט.
אַזוי־נאָך מערן זיך אַלע מענטשן.
וועסט אויפוואַקסן, אַליין זיין אַ באַשאַפער,
און וועסט זען ווי ס'שטאַרבן מענטשן גוטע און שלעכטע ;
די ערד איז אַזוי גרויס, פאַר אַלע מענטשן גרויס...

## נ א נ ע ס

פאַראַן אַזאַ טרויער, גאָט'ס טרויער,
טראָגן אים פרויען אין לאַנגע שוואַרצע קליידער ;
אָנגעטאָן גייען זיי אין ווייסע קרעפּ,
די לענדן מיט צלמים אָנגעגאַרטן.
אין פרעמדע שטעט גייען זיי אַרום
און היילקן די גאַסן מיט זייער ווייכן טראָט ;
זיי הויבן פרום דאָס געזיכט
און באַגריסן נישט קיין מענטשן,
נאָר שטענדיק אַראָפּגעלאָזט די קעפּ,
דעם טרויער צו דער ערד געבויגן.
פאַר קלויסטער טויערן פאַלן זיי מיט פאַרלייגטע אָרעמס,
מיט תהילים'לאַך אין די הענט ,און בעטן גאָט ;



זיי צינדן ליכט נאָך טויטע
וואָס האָבן קיינעם אויף דער וועלט געלאָזט.
הייליקע נאָנעס, באַרימהערציקע שוועסטער,
וואָס גייט איר אַרום און שפּרייט אַזוי דעם טרויער,
איר — וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט דערפילט דעם מאַנ'ס באַריר
וואָס האָט אייך געזאָלבט צו טראָגן גאָט'ס טרויער?

ביטי מאַרמאָר

## מיר ביידע

אונזערע געפלאָכטענע הענט האָבן אונז געפירט
צו דעם אָרט וואו דער אַלטער וואונטש איז פאַרבליבן,
און פלוצלונג האָבן זיך די הייזער פאַרקאַרטשעט אין אַ הוסט
און די גאַסן האָבן זיך אויסגעמעקט אין דעם הוסט — —

עס האָט אין דער נאַכט אַן אַלטע האַרף געטריפט מיט טרוימען,
און דער ריח פון פאַרטרוקנטע שלעסער און אַלטע פאַרטריקנטע גערטנער, האָט געפלאַטערט...
דו האָסט עס געפילט, און דו האָסט געגלעט די שווערד באַ דיין זייט,
און דיין קוש האָט געהאַט דעם ריח פון ניי־געבוירענע ציטרינען אַרויסגעריסן פון דעם אַמאָליקן פרילינג...

.2

שאָטנס האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון די ווענט ;
ווי ווייכע ווערבעס האָבן זיך די שאָטנס איבער שטולן געבויגן ;
שאָטנס האָבן געבראָכן זייער בענקשאַפט איבער אונזערע קני —
מיר זענען געזעסן אַזוי לאַנג אין דעם צימער
אַז אונזערע ווערטער
זענען געוואָרן בלייכע פלאַמען וואָס ציטערן,
און מיר זענען געוואָרן
רויע וויאַלעטע וואונדן פון בענקשאַפט...

# א גרוס פון היינט

האב איך נאר אויסגעפיגען אז „פיפט עוועניו“ איז דאס
בעסטע פלאץ
צו פילאזאפירן; אפילו בעסער ווי מיין איינענער דאך
כאטש דארט אז איך טראכט, קען איך מיר פארשטעלן
אז מיינע גערדאנקען האבן זיך ארויסגעגליטשט, און זיינען
געווארן שטיינדלאך
וואס ליגן לעבן מיר און גלאנצן אין דער זון. —
אבער היינט אויף „פיפט עוועניו“ איז פרילינג
און קנאספן און קאלירן וואקסן אין די קראמען־פענצטער;
היינט אין דער פעסטקייט פון געבײַדעס האב איך זיך פארזיכערט
אז איך וועל קיינמאל־ניט זיכער זיין אין לעבן.
ווי איך האב שפאצירט אינדערפרי צוזאמען מיט דער זון
און טויזנטער אנדערע שפאצירנדיקע פיס,
איז פלוצלונג עפעס ארייגעפארן אין מיר,
צווייפלען זענען אונטערגעלאפן, מיך אונטערגעכאפט אונטער
די ארעמס
און גערופן מיך „ברודער“;
און מיין שטאלץ האט פארלאשן דאס פייער און איז אוועק שלאפן.
דאן האב איך צום ערשטן מאל באמערקט אז מיינע סאנדאלן
זענען ווייך
און האבן לעכער — אין א וועלט פון הארטע גלאנצנדיקע שיך.
האב איך צום ערשטן מאל געטראכט, אז אפשר שטעקט דער
תוך פון דער וועלט
נאר אין די לאנגע, זיידענע קליידער
וואס רוישן פארביי מיר און שארכן ווענן פאלירטע נעגל
און אריסטאקראטישע אויגנברעמען,
און ניט אין די צעשויבערטע לאקן פון מיין אייגענער ווילדקייט.
מיינע בערג און די ליניעס פון מיין מויל זענען איינגעפאלן,
און איך האב שוין געוואלט טוישן מיינע געדאנקען
וואס זיפצן און ברעכן מיט די הענט
פאר א קוישיקל אנגעפילט מיט זיידענע קליידער און דעם
תוך פון דער וועלט.



איזידאר ראקאווסקי

# ע ל ־ ג ר ע ק א

אט די וואס זוכן די איינפאכקייט, די פשטות אין דער קונסט האבן פאראורטיילט על־גרעקאן צום פאנטעאן פון אומפארשטענדלאכע קינסטלער; אים באצייכנט מיטן קין־צייכן „קאמפליצירט“, און — ער האט זיי אויפגעהערט צו ארן. דאס טוען זיי מיט אלע וואס זענען טיף און ניט צוגענגלאך צו זייער געשמאק. דאס האט מען געטאן מיט בלייקן דעם דיכטער און מאלער, און מיט א סך אנדערע גרויסע קינסטלער.

לאמיר פריער זען וואס איז על־גרעקא און וואס איז פשטות; צי איז ער טאקע אזוי פערפלאנטערט און פארוויקלט; און פארוואס ווערט ער אין אלגעמיין באטראכט אלס א קאמפליצירטער קינסטלער.

על־גרעקא איז פון נאטור געווען א טיף־רעליגיעזער, מיסטישער מענטש. קאמפליצירטקייט אבער, איז דוקא א סימן פון סאפיזם, פון לייכטקייט. קאמפליצירטקייט איז קאקעטיש און פלאך, קונציק־פארדרייט און ניט מער. און מיסטיציזם איז דאס טיפע, דאס אלץ־באנעמנדיקע און אלץ־ארומפאסנדיקע.

מיסטיציזם איז אויך דאס באהעפטן זיך מיטן לעבן; באהעפטן זיך דורך ארייַנדרינגען טיפער אין לעבן, און, אמאל, דורך דעם פאפולערן פסיכאלאגישן escapade , דורך אנטלויפן פון לעבן. מיסטיציזם, סיי דער וואס באהעפט זיך און סיי דער וואס וויל איבערשניידן מיטן לעבן, ווייזט אן אויף א שטארקן לעבנסבאוואוסטזיין. דער קינסטלער פילט דאס לעבן אין אלע זיינע גלידער, און ער לעבט זיך אויס דורך ארייַנדרינגען טיפער, אדער — דורך כלומרשטדיקן אנטלויפן.

און אין דעם זין קען מען אויך על־גרעקאן אנרופן רעאליסט — א מיסטישער רעאליסט.

בכלל, איז דער געשריי פארן רעאליזם א לעכערלאכער.

פאראן צוויי סארטן רעאליזם. פאראן דער דעטאלירטער רעאליזם וואס ווענדט אן דעם פסיכא־אנאליטישן מעטאד און וויל צוריק אויפבויען פון איינצלהייטן; זוכט צונויפצופירן אלע קלענערע, מינאר־מאטיוון און זיי צוריק באהעפטן מיטן שורש. דאס איז א מין קאפירנדיקער רעאליזם און איז באקאנט אלס נאטור־

ראַליזם. און פאַראַן דער טיפערער רעאַליזם וואָס פאַרקוקט דעטאַלן און הויבט אָן באַלד מיט די גרונט־מאָטיוון און צענטראַלע לײדנשאַפטן.

איין רעאַליזם איז אַזאַ וואָס באַמערקט, דער צווייטער — וואָס זעט. איינער איז אַ טעכנישער און פירט־איין אין דער קונסט דעם „דיווויזשאָן אָף לעיבאָר"־מעטאָד; ער באַנוגנט זיך בלויז מיט ווינקעלאַך בא יעדן קינסטלער; דער צווייטער — איז אַן אַלגעמיינערער. איין מעטאָד איז פון טאָן גוטע אַרבעט, דער צווייטער — אויסלעבן זיך אין דער אַרבעט. מיר געפינען אַז אַפילו אין דער ליטעראַטור בלייבט מען ניט בא דעטאַלירטן רעאַליזם. דער סתם־נאַקעטער רעאַליזם האָט אויסגעלעבט זיין אַלטער, און אויפן אָרט פון זאָלאַ — קומט פרוסט; אויפן אָרט פון נאַטוראַליזם — דער סאָציאַלער רעאַליזם, — קומט דער אינזיכיסטישער. מאַרסעל פרוסט, דוכט זיך, בויט אויך פון דעטאַלן, ער גייט שוין אָבער טיפער, צו דעם אונטער־באַוואוסטזין, און דערגרייכט — מיסטיציזם. און דער מעטאָד אַפילו וועט אויך אָפּלעבן, ווען די מאָדערנע פסיכאָלאָגיע וועט ווערן אַ קאָנקרעטערע וויסנשאַפט, און דער מעטאַפאָרן־סיסטעם אין דער קונסט און אין דער פסיכאָלאָגיע וועט פאַרשווינדן.

לעת־עתה אָבער ווערט נאָך אַלץ דער טיפערער, צענטראַליזירטער רעאַליזם באַטראַכט פאַר אַן אַבסטראַקציע, אָדער „קאָמפּליצירט", ווי בא על־גרעקאָן.

דער רעאַליסט מוז האָבן אַ שטאַרקע באַאָבאַכטונגס־קראַפט, און על־גרעקאַ איז געווען צו אימפּולסיוו צו קענען באַאָבאַכטן אַפּטישע דעטאַלן. ער באַזיצט אַ שאַרפן חוש־הריח און חוש־המישוש, חוץ חוש־הראיה.

און מאָדנע: דוקא, דער קאָמפּליצירטער על־גרעקאַ, דער „פאַנטאַסטיקער", האָט באַאיינפלוסט די סעזאַן־שול, די שול פון נאַקעטן רעאַליזם. די עקספּרעסיאָניסטן באַזירן זייערע פרינציפּן אויף די ווערק פון על־גרעקאַ. און ווען דעם מעג מען זיך פאַרטראַכטן....

על־גרעקאַ, באַקלאָגט מען זיך, האָט לגמרי איגנאָרירט ייִ־זעצן פון קאָליר און פאָרם. ער איגנאָרירט אויך אַנאַטאָמישע פאַקטן. אין קורצן: זיין שאַפן איז אָן דיספּיצלין און אָן מאָראַל. דאַרף מען וויסן אַז קונסט ווייסט ניט, ווי דאָס לעבן, פון דיסציפּלין און מאָראַל. אין קונסט איז ניטאָ קיין מאָראַל. און דיסציפּלין, הויבט זיך אָן דאָרט וואו דער קינסטלער ענדיגט זיך;



זיין פרייהייט הערט־אויף דאָרט וואו זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן הערן־אויף. דער קינסטלער ווערט אין שאַפן באַגרעניצט נאָר דורך זיין אייגענעם „איך".

על־גרעקאַ זוכט פריהער פון אַלץ ריטמישע האַרמאָניע אין זיין שאַפן. און איגנאָרירט ער אַפילו געזעצן פון דער אַנאַטאָמיע — ווערזשע וועט וואַגן זאָגן אַז דער קינסטלער דאַרף זיין בלויז אַ קאָפּיסט? אַז ער דאַרף זיין נאַטור־טרײַ?

על־גרעקאַ פאַרשענערט ליניעס, פאָרמען און קאָלירן. ער פּרוּווט גיין אַ טריט ווייטער פון דער נאַטור. ער איז אַ שופט צווישן דער נאַטור און מענטש. ער בעסערט אויס דאָס וואָס די נאַטור האָט פאַרפעלט. ווער עס זוכט בלויז דאָס שיינע, ער מאַכט אַלעס שיין.

אינטערעסאַנט: אַ סך פון אונזערע מאָדערניסטישע מאָלער — און אַפילו צווישן די „סטאַנדאַרד"־מייסטער — מוזן אָפּערירן מיט הויכע, שרייאיקע קאָלירן איבערצוגעבן הילכיקן געשריי און געפּלאָקער. על־גרעקאַ אָפּערירט מיט שטילע, באַשיידענע פאַרבן און דאָך פּילסטו פייער־און־פלאַם אין זיין שאַפן. ער איז קאָנדענסירט; זיינע ווערק, ווי סאָנעטן. פון דער פאָרם אָבער רייסט זיך דאָס פייער־און־געברויז פון מיסטיקער. אין אַלע ווערק פילט זיך אָט דער פלאַם.

על־גרעקאָ'ס פיגורן זענען ווי לאַנגע, רויע צינגער. אַפילו זיינע פאָרטרעטן.

עס איז ניט פאָרטרעטן פון יחידים. דער יחיד מיט אַלע זיינע פּראָבלעמען איז דאָך אויך נאָר אַ ווינקל, און אַ באַגרעניצטער ווינקל. על־גרעקאָס פאָרטרעטן זענען סימבאָלן. לאַנגע, דאַרע, ווי רויע צינגער, סימבאָליזירן זיי דורשט, לעכצונג, און טענה'ן מיט דער גאַנצער טראַגישקייט פון אַ שטומער צונג. על־גרעקאָ דערציילט ניט קיין פאַקטן, ער טראָגט אונז אַקעגן דעם גרויזאַמען מהות אונטערן פאַקט.

צו אורטיילן על־גרעקאָן אַלס אַ גאַנצן מוזן מיר וויסן מער וועגן מענטש. און אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן אים איז אַ פּאָר דאַטומס.

אָבער צו אורטיילן אים אַפילו בלויז פון זיינע ווערק, מוזן מיר אין זינען האָבן ערשטנס — זיין ווירטואָזע טעכניק, זיין אינזיכיסטישע פאָרטרעטור (אויף אַזוי ווייט ווי דער יחיד סימבאָליזירט), זיין באַוואוסטזיניקן און אייגנאַרטיקן אופן פון באַ־

שענערן נאַטירלאַכע פאָרמען, און, צווייטנס — זיין ווילדע, אימ־פולסיווע וויזיע.

על־גרעקאָ האָט באַאיינפלוסט א סך פון די מאָדערנע קינ־סטלער, אריינרעכנדיק מאַנעט. קיין דירעקטע תלמידים און נאָכ־פאָלגער האָט ער זיך אָבער ניט געשאַפן, ווייל ער איז ניט גע־קומען באַנייען די קונסט. דערפאַר איז אומגערעכט אים צו באַ־צייכענען, ווי פיל טוען עס, אלס „ראַדיקאַל". אין זיין שאַפן איז ער ניט באַוואוסטזיניג, ווי ראַדיקאַלן זענען געוויינטלאַך. ער האָט זיך אריינגעצויגן צו דער קונסט מיט אַלע זיינע שבתים און ימים טובים — און געלעבט אין דער קונסט מיט זיין גאַנצן רעליגיעזן עקסטאַז.

און דאָס איז געבליבן נאָך אים פאַר די קומענדיקע דורות: מענטשן, ווי לאַנגע, דורשטיגע צינגער...

דער צער פון דער שטומער צונג...

א צונג וואָס גלויבט אין גאָט...

שאול מאלץ

## נעגעריש אַמעריקע

(פראַגמענטן)

### פון אַלע ווינקלען לויערט שרעק

אף איעדן פינצטערן נעגערישן בוידעם
הויערט סקעלעטישער טויט מיט הוילע אויגן
און גרילצט מיט געלע ציינער ווי סערפּן זעגן
אף איעדן פינצטערן נעגערישן בוידעם.

דורך יעדן ברעקל נעגערישן פענצטער
הילכן יובל־געשרייען וואָס רעגן
דעם נעגערס האַלז צו פעטליעס אף פוסטע וועגן
און דאָס וויגן פון גוף אף קרומע ביימער.



איעדער נעגערישער רויכיקער קוימען
איז אן אָנזאָג פון שרעק וואָס טוט דערמאָנען
א הענגענדיקן נעגער איבער ברויזנדיקע פלאַמען
איעדער נעגערישער רויכיקער קוימען.

אף יעדער באַמאָלטער נעגערישע וואַנט
הענגט דער געקרייציקטער גאָט און וויינט
אף יעדן קינד זיינס וואָס איז געוואָרן געלינטשט
וויינט יעזוס אראָפּ פון יעדן נעגערס וואַנט.

### ביינוול־קלויבער

ווי די ווייסע בלימעלאך אף די ביינוול פעלדער
וואָס וויגן זיך ווי זומער־פייגעלאך אין זוניקן ווינט,
אזוי זענען ריין די הערצער פון ביינוול־קלויבער,
וויים ווי די ביינוול בלימעלאך אין זוניקן ווינט.

דאָ איז יעדער קלויבער גאָט'ס פאַסטוך
פון סטאַדעס ביינוול־שעפעלאך אין זוניקע ארומען.
טליעט א פרייד אין יעדן נעגער'ס הארץ
און אויגן שפיגלען נענאַד, ווי טייכן — פלאַמען.

### תפילה פון אַ נעגער

אינ'ם טונקלקייט פון קירכע ווענט
קניט א זקן און זינגט א ליד,
פון דעם קרייץ יעזוס — אַ נעגער —
בליקט ארונטער מיד.

— יעזוס! דיינע שווארצע קינדער זענען ווי קראָען
הונגעריקע אף אַ וויסט שטיינערדיק פעלד,
פון דיינע אָנצאָליקע געלינטשטע קינדער
קען דערציילן יעדער בוים אין וואַלד.

בוינט יעזוס דעם קאָפּ ארונטער,
וויינט ווי אַ קינד אין ווינקל.
— כ'וואָלט אפשר געקאַנט העלפן
קלאַמערן מיך די נעגל.

### הייליקע סימבאָלן

אַזוי דאַרפֿן נעגערס טראַכטן
אַז קראָען זענען באַשאַפֿן געוואָרן
צו שוועבן אינדערלופֿטן
אַלע זייערע הונגעריקע יאָרן.
און שלעפּן שאָטנס געקרייציקטע
איבער הענגענדיקע נעגערס
וואָס טאַנצן איבער פֿלאַמען
געהילט אין רויכיקע געוועבן.
זענען קראָען־שאָטנס סימבאָלן געהייליקטע
פֿון נעגערס פֿיינלאַכן לעבן.

י. ל. טעלער

# עדגאַר לי מאַסטערס: די טראַגעדיע פֿון השפּעות

עס וואָלט אפשר לגמרי ניט געווען כדאַי צו שרייבן וועגן מאַסטערס איצט. די אַמעריקאַנער פּאָעזיע האָט שוין געשלאָגן דעם מאַקסימום־קאַפּיטאַל פֿון זיין טאַלאַנט; די 24 שעה פֿון זיין פּרעמיערטום זענען פֿאַראיבער, און ער לעבט זיך רוהיג אַלס „פּאָעט לאַריאַט פֿון ספּון ריווער“. און אין אַנדענק פֿון זיין אַמאָליגער אַפּיקורסות, ליינט ער יעדן זונטאַג, אַנשטאַט די ביבל, די פּאָר צענדליק אַנטאָלאָגיעס וואו זיין גרויסקייט איז באַשריבן — אַזוי ווי עדווין מאַרקהעם.

זיין טראַגעדיע איז אָבער אַן אינטערעסאַנטע. פֿרעמדע טראַגעדיעס זענען תמיד אינטערעסאַנט. ער איז דער טרויעריקער סימבאָל פֿון אַ נאָך־ווירקנדיקער עפּאָכע אין אַמעריקאַנעם לעבן און אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

דער זעלבער פּראָבלעם וואָס אין דער אידישער ליטעראַטור. ביז מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק האָט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור אַליין אויך געפֿעלט אַמעריקע. ליטעראַריש, אַזוי גוט ווי געזעלשאַפֿטלאַך, איז אַמעריקע געווען ניט מער ווי



אַ קאָלאָניע, אַ בריטישער דאָמיניאָן. אַמעריקע איז געווען שטרענג פּוריטאַניש און טריי אָפּגעהיט די טראַדיציע פֿון סקאָט, דיקענס און דער „טשווירטש אָף אינגלענד“. און יאָרנלאַנג, איז דער גרעסטער פּראָבלעם וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, פֿאַרבליבן דער פֿאַל מיטן אומגעזעצלאַכן קינד אין „סקאַרלעט לעטער“. פֿון ברייטערע, אַלמענטשלאַכערע ווייטאָגן ווי די פֿון אַ ממזר האָט די אַמעריקאַנער ליטעראַטור ניט געוואוסט.

דער בירגער־קריג האָט שוין געבראַכט אַ סך נייקייט. געקומען דאַן דער „טריידער האָרן“ אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע — וואָלט ווהיטמאַן. אויפֿן אָרט פֿון מעטאָדיסטישן עמערסאָן — די יונגטלאַכע ליריק פֿון די „וואַגאַבונדן־דיכטער“ ריטשאַרד האָווי און בליס קאַרמען. דער „פּאָטער נאָסטער“ פֿון צייטונגס־ראָמאַן, וויליאַם דיען האועלס, מיט זיין זשורנאַליסטישן רעאַליזם. און אַ גאַנצע פּלעיאַדע יונגוואַרג, ווי פֿרענק נאָרים און סטיפֿען קרעין (דער פּסעוודאָ־ראָמאַנטיקער), וועלכע האָבן געזוכט צו באַפֿרידיקן זייערע „קאָו־באָי“ אַמביציעס אין ליטעראַרישן שאַפֿן.

דאָס איז אָבער נאָר געווען אַן אָנזאָג אויף דעם וואָס האָט געזאָלט קומען אין אַ צען יאָר שפּעטער. אַן אָנזאָג וועגן איינער פֿון די לעבערלאַכסטע און וויכטיגסטע עפּאָכעס אין אַמעריקאַנער לעבן און קונסט — די עפּאָכע פֿון יענע האַלב־אינטעליגענטן און סאָפֿיסטן, וואָס האָבן געליטן פֿון אַ שטאַרקן זעלבסט־באַוואוסטזיין און געפֿילט אַז יעדער קער און ווענד זייערער איז פֿון באַדייטונג פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון אַמעריקע; די פּעריאָדע פֿון דעם צעפּיעסטשעטן „פּענראָד“ ה. ל. מענקען, ווען ענטוזיאַסטן האָבן געזוכט צו איבערציינן אַ וועלט אַז די צייט־רעכענונג פֿאַנגט זיך אָן מיטן „אַמעריקען מערקורי“...

אַן איבערגאַנג־צייט געווען (און זי איז נאָך נישט אַריבער—). דער כאַראַקטער פֿון אַמעריקע האָט זיך ערשט געהאַלטן אין פֿאָרמירן, און אַמעריקע האָט נאָך געצענערט צו זיך פֿאַרלאָזן וואָנצעס אָדער ניט.

און אין אַזאַ צייט איז עדגאַר לי מאַסטערס געקומען. אַ צייט פֿון ציניזם. די רעוואָלוציאָנערן זענען ניט געקומען בויען און שאַפֿן, עס האָט זיי געפֿעלט דער אידעאַליזם. זיי זענען נאָר געווען פֿאַנאַטישע אָפּלאַכער. אַפֿילו די ליטעראַרישע עקספּערימענטן זענען ניט געווען פֿריי פֿון ציניזם. די עקספּערימענטן זענען גע־

ווען צו באַוואוסטזיניג. און דאַרום מאַסטו זענען אפשר די צענטראַלע פיגורן פון יענער פעריאָדע ניט געווען דירעקט אידענטיפיצירט מיט דער שיקאַגאָער עקספּערימענטאַלער קירך...

עדגאַר לי מאַסטערס האָט געשריבן נאָך א סך פריער, אין די צייטן פון די „וואַגאַבונדיאַ"־דיכטער. געשריבן אין קלאַסישן סטיל פון בייראָן און קיטס. געשריבן שיין און מאַנאָטאָן און געבליבן ליטעראַריש א קליינבירגער.

און פּלוצים — די ליטעראַרישע איבערקערעניש. מאַסטערס איז ניט געבליבן שטיין פון וויטנס. ער — א פאָלקס־מענטש — איז געקומען צו דער נייער אמעריקאַנער ליטעראַטור מיט די בעסטע כוונות — און די פּורים־גוואַרדיע האָט אים אריינגעשלעפּט אין קאַראַהאַד, ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט סינקלעיר לואיס. זיי האָבן געטראָגן אויפן האַלז די קמיע פון פּראָגרעסיוון אמעריקע, און מאַסטערס האָט ניט געוואוסט אז דאָס זענען פאַרשטעלטע לצים; ער האָט אויך צוגעשפּילעט א רויטע קאָקאַרדע צום לאַץ. בא אונזער לודוויג לואיסאָהן זענען ביידע לאַצן געווען פאַרנומען, מיט א רויטער און א בלוי־ווייסער קאָקאַרדע...

די „ספּון ריווער אַנטאָלאָגיע" האָט מאַסטערס לכתחילה געשריבן אויף רעדאַקטאָרשער באַשטעלונג. ריד, דער רעדאַקטאָר פון „ריד'ס וויקלי", האָט באַדאַרפט האָבן א „פּיטשור" פאַר זיין זשורנאַל, האָט ער באַשטעלט בא מאַסטערס'ן עפּיטאַפן וועגן די איינוואוינער פון אן אמעריקאַנער שטעטל, אין סטיל פון די גריכישע סאַטיריקער. און אַט דער רעדאַקטאָר ריד איז עס געווען דער גוטער מלאך וואָס האָט אונטערגעשטופּט דעם דיכטער'ס האַנט צו די קוילן, מאַסטערס האָט זי צוגעטראָגן צום מויל און פאַרבליבן א שטאַמלער אויפן גאַנצן לעבן.

מאַסטערס איז געקומען מיט נייעס ניט אזוי פאַר דער אמעריקאַנער פּאָעזיע, ווי פאַר דער בעלעטריסטיק. א פאָלקס־מענטש — איז ער געקומען מיט אָפּנהאַרציקן, קלאָרן רעאַליזם; גענומען שילדערן נאַקעט און געוואַגט, און מען האָט געקאָנט דערוואַרטן נייעס פאַר דער ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

די השפּעה פון דער צייט האָט אים אָבער געפּענטעט און ער איז געפאַלן.

איצט, ווען די געמיטער זענען אָפּגעקילט, ווען בעבוט זעט אויס א סך נאָרמאַלער ווי ה. ל. מענקען, הויבט מען זיך אָן ארומזען אז מען האָט געמאַכט א טעות אין מאַסטערסן. די וואָס האָבן אים געלויבט זענען ענטוישט. איז עס ניט זיין שולד. מען האָט



באַדאַרפט וויסן אז נאָר איינמאָל איז געשען א נס און דער מן האָט געדויערט גאַנצע פערציק יאָר. און אפילו דאַן האָבן די אידן, נאָך אזא דיעטע, ניט געהאַט גענוג כח צו מאַכן דריי טריט קיין ארץ ישראל...

מאַסטערס אין „ספּון ריווער אַנטאָלאָגיע" האָט געדינט זיין צייט, ווי העריעט ביטשער סטאָו מיט „אַנקל טאָם'ס קעבין" — איר צייט. איצט זעט מען זיך ארום אז ער האָט געטאָן כמעט דאָס זעלבע וואָס אָ. הענרי. ער האָט געקאָנט ווערן גרויס, און — געבליבן קליין. א. הענרי האָט געשריבן אויף באַשטעלונג פאַר די פּראָסטע מאַסן, און מאַסטערס — פאַר דעם העכערן פליגל. ביידנס שרייבן באַזוצט דעם סענסאַציאָנעלן "It"

מאַסטערס האָט אריינגעבראַכט א נייעם, געוואַגטן אופן פון שילדערן אין דער אמעריקאַנער ליטעראַטור. אַנדערע אָבער, נוצן עס אויס.

אים, דעם סאַטיריקער, האָט געפעלט א חוש פאַר הומאָר; זיין שילדערן איז צו ערנסט, טויט־ערנסט. ער האָט ניט געזען די קאָמישע זייט פון זאַכן, און דערפאַר איז זיין „ספּון ריווער" פאַלש.

מיר האָבן נאָך שילדערונגען פון אמעריקאַנעם „שטעטל": שערוואוד אַנדערסאָנ'ס „ווינעסבורג, אָהייאָ", איז עס אויך ניט קיין אידיליע. און דאָך זעט מען, אז אין אן אמעריקאַנעם שטעטל קען מען נאָך אָפּלעבן אן ערלאַך קולטורעל לעבן און שטאַרבן מיט א נאַטירלאַכן טויט.

מיט צוויי ווענן טאָר מען ניט באַטרעטן א זאַך, מיטן אידישן און מיט דעם וואָס מאַסטערס האָט באַנוצט.

מאַסטערס שילדערט ניט אן אמעריקאַנער שטעטל, נאָר שיקאַגאָ, און שיקאַגאָ איז אמעריקע, ווי פּאַריז איז פראַנקרייך. ער האָט פאַרלוירן זיין באַלאַנס, געוואָרן א פּאַמפּלעטיר, א קאָלומניסט, און אזוי ארום — כאָטש ער איז דער אָנווייזער אויף נייע מעגלאַכקייטן, אפילו העמינגוועי האָט בא אים געלערנט — איז ער דאָך אַליין פאַרבליבן, ניט מער ווי א צוגאַנגענער באַרג מיט שניי.

די השפּעה פון דער צייט האָט אים געשעדיגט (דער פּאַראַדאָקס: ער, א דירעקטער אויסוואוקס פון זיין צייט), און נאָך א השפּעה — פרויד.

פרויד האָט א סך גייסטיגע פערוואַנדשאַפט מיט יונג־אמעריקע. דרייזער — דער שוועד — האָט דערפירט סקאַנדינאַווישע מעלאַנכאָליע ביז פאַטאַליזם. פרויד איז אין דער פּסיכאָלאָגיע דער פאָרשטייער פון זעלבן פאַטאַליזם. ער איז דער וויסנשאַפטלאַכער

עקספערט פון דער „אמעריקען טרעדזשעדי“. און מאסטערס וואס איז שוין געשטאנען אונטער דער קרענקלאכער השפעה פון יונג־אמעריקע, איז אויך געפאלן אונטער דער השפעה פון דעם ווינער נשמה־אלכעמיקער. אנשטאט צו שילדערן נאקעט שילדערט ער פרוידאניש־פאנאטיש. און אזוי־ארום, איז געשלעכט בא אים נאך א גרעסערער פראבלעם ווי בא די פוריטאנער.

די יונגע אמעריקאנער ליטעראטור אין אלגעמיין איז דורכגעדרונגען מיט פסיכא־אנאליז, און, ביז איבל, פול מיט געשלעכט. יודזשין אנילס דראמען, למשל, יונג אמעריקע אין sex-conscious און קען נאך ווערן אן אינטערעסאנטער פאטאלאגישער פאל. א סך פון אירע קינסטלער זענען עס שוין...

עדגאר לי מאסטערס טראגעדיע ליגט אין די השפעות. און ער האט ניט געהאט ווער עס זאל אים אויסהיטן. זיין טיטל איז געווען דער רעדאקטאר ריד.

און דערפאר איז ער איצט אינגאנצן אנטרונען. ער שרייבט אמאטארישע פאוסט־טראגעדיעס (Faith of the Jury); „זאגען“, ווי עדווין מארקהעמס (Lichee Nuts); ער שרייבט נאך אמאל א רעוואלוציאנער בוך קעגן לינקאלן — א בלויזער אויסברוך פון טעמפעראמענט...

געבליבן איז ער דער אייביק־פראווינציעלער אינטעליגענט, א קאראספאדענט פון „המליץ“ און „הצפירה“.

## בעטי קאן

### מיין הארץ איז שטיל

מיין הארץ איז שטיל און
קלאפט ניט אזוי שטארק ווי אמאל
ווען איך פלעג אומדערווארטעט דערזען
דיינע צעבלאזענע האר פון דערוויטן.
מיינע אויגן זענען אויסגעלאשן און
גלאנצן ניט צו כאפן דעם שמייכל
אין דיינע.
ס'איז אלץ שוין טויט איצט. עס
וואלט געדארפט געשען פריער
און לאזן מיך פריי.
פריי צו קריכן אויף ווילדע
ווייכע רויטע בערג.



## י. ל. טעלער

### צווישן אנדערס, וועגן שרייבער פון די שורות.

גאט, איך וואלט אין דיר געגלויבט; פאראן אבער
אזויפיל זאכן קלענערע און וויכטיגער
פון דיר.

פארגיב דעם חוזק פון א מענטש
וואס האט זיין געוויסן פארשולדיקט,
און פארלייקנט זיך אפילו
פאן שפיגל.

איך שעם זיך צו קומען צו דיר
אין מיט העלן טאג.
פארנאכט אבער
ווען רויכן שרייבן אין דער לופט
און פארמעקן עס באלד —

מיין קלוגשאפט
וואלט דיך גערירט
ביז טרערן...

קרייד פון טריט
אויף שווארצער שטילקייט.
און איך און זי
אליין
אין דער אומענדלאכקייט
פון פיר ווענט און א הארץ;
צו דערנערן זיך —
הונגער מיט פוטער.

זע: אין דיינע בלייכע, טרייע פינגער
ווערט מיין רויז א ליגן.
געווען נעכט
ווען דאס געוויסן האט בא מיר
ניט גענעכטיגט,
און אויף מארגן האט דאס אויג געטרערט

פון הארבן ריח
פון ערשטן ביסל זון...

איך האָב געזינדיקט
קעגן דיינע
קליינע שלאַנקע
טריט,
איצטער רינט חרטה
פון אַלע
מיינע
ווענט.

פרויען זענען אַנדערש:
פאַרליבטע פרויען, טראָגן ווי בלינדע
זייער פרייד אין די פינגער.

איך האָב זיך פאַר׳משכונט צו יעדנס געפעל,
מיין גאַנצקייט צוביטן
אויף הנאות.
און אָט שטיי איך
מיט בלויזן קאָפּ
פאַר מיין קרייציגונג
אין פרעמדע אויגן —

טייערע, ס׳איז גוט צו וויסן איצט
אַז אין דיין חלום
קלינגען מיינע שפּאָרן.

קום, לאָמיר נאָך פאַרפלאַנצן
אונטערן פענצטער
אַ גאָט
פאַר אונזער קינד,
ווייל זינד
דאַרפן האָבן
אַ שאָטן.

רויטע צינגאַלאַך
לעקן אוים
די מילך
פון אונזערע שעהן.



ס ו י אַ

# בעטהאָווען: מענטש און געני

די גרעסטע מוזיקער, די גרעסטע קינסטלער פון יעדער קונסט, זענען בלויז געווען רעפּרעזענטאַנטן אין דער קונסט פון אַ געוויסער לײַדנשאַפט אין לעבן. זיי ווערן אין לעבן און שאַפן בלויז סימבאָלן פון יענער לײַדנשאַפט. לאָמיר נעמען אין מוזיק: סען־סאַן און דעבוזי — פאַרטרעטער פון דער גרויס־עראָטיק, פון דער פראַנצויזישער דעקאַדענץ, און באַך — דעם קאַטוילישן פאַנאַטיקער, דעם לײַדנשאַפטלאַכן מאמין. אַלע זענען זיי סימבאָלן פון גרונט־לײַדנשאַפטן, און דערפירן אָט די לײַדנשאַפטן ביזן שאַרפסטן עקסטרעם, ביז דער קאָמפּאַקטסטער פאָרמולע און אַלע אַנדערע לײַדנשאַפטן זענען כמעט טויט פאַר זיי. בעטהאָווען אָבער, איז אין דער מוזיק דער מענטש אַליין. ער רעפּרעזענטירט דעם מענטש אַלס אַ גאַנצן, ניט בלויז לײַדנשאַפטן.

מיר וועלן עס אילוסטרירן מיט זיין שאַפן. זיין שאַפן טיילט זיך אין דריי באַשטימטע פּעריאָדעס; די ערשטע פּעריאָדע איז די פון די אָפּוסן. בעטהאָווען האָט זיי געשאַפן אין זיין איבער־גאַנגס־עלטער. עס האָט אים, פאַרשטייט זיך, געפעלט דאָן גלויבן אין זיך, אין זיינע אייגענע כחות. די וועלט האָט אים שוין גע־קאַנט אַלס אַ פאַרשפּרעכנדיקן געני — די וועלט דערוואַרט פון אים. ער פילט זיך פעראַנטוואָרטלאַך צו אַ דערוואַרטנדיקער וועלט און פילט אַ נויטווענדיקייט זיך אַליין צו איבערצייגן אַז דער צווייפל אין אייגענעם כח איז אַן אומזיסטיגער. עס איז נאָך נאַס דער גיפּס און ער טראָגט עס שוין אויפן מאַרק. איז פאַראַן אין די אָפּוסן אַ געוויסער „מוז“, דער „מוז“ צו איבערצייגן די וועלט און זיך אַליין. עס פילט זיך אין יענעם שאַפן אַ מורא פאַר סילועטן פון לײַדנשאַפטן און פאַר נאָך־ניט פאָרמולירטע שרעקן. פאַראַן אין די אָפּוסן אַן אייגנאַרטיקער „כריפ“ און היי־זעריקייט, און אין דער זעלבער צייט — אַ שטייפקייט און גע־צוואַנג. די אייגנאַרטיקע הייזעריקייט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם וואַקסנדיקן געני; דער געצוואַנג און די שטייפקייט — די לאַסט פון פאַראַנטוואָרטלאַכקייט.

ערשט לעצטנס זענען פאַרעפנטלאַכט געוואָרן נייע ווערק זיי־

נע פון יענער פּעריאָדע — ווערק וואָס זענען געלעגן באַהאַלטן. אין יענע ווערק איז ניטאָ די געצוואונגענקייט און שטייפקייט, ווייל ער האָט זיי ניט געפירט אויפן מאַרק און איז נאָר געווען פאַראַנטוואָרטלאַך צו זיך און האָט זיך ניט געמוזט ווייזן הערלאַיש, ווי די פּאָפּולערע קאָנצעפּציע האָט געפאָדערט.

איצט, דער צווייטער פּעריאָד אין זיין שאַפן. דאָס איז זיין „לייבן־פּעריאָדע", ווען ער רופט אַרויס אַ וועלט צום קאַמף. דאָס איז דער פּעריאָד פון „עראָאיקאַ". דאָ שטייט בעטהאָווען פּנים־אל־פּנים מיט פּראָבלעמען, ממש אין פיזישן געראַנגל. ער קעמפט מיט מענטש, וועלט און גאָט. אין דער ערשטער פּעריאָדע איז ער געווען צעריסן צווישן דעם אומפאַרמײדלאַכן איבערברוך פון דעם איבערגאַנגס־עלטער און דעם צווייפל אין זיך אַלס קינסטלער, וואָס האָט, נאַטירלאַך, געפירט דערצו אַז זיין שאַפן איז געווען צו באַוואוסטזיניק; אין צווייטן פּעריאָד איז זיין פּערזענלאַכקייט שטאַרקער פון דער פאָרם און האָט לגמרי באַצוואונגען די פאָרם. איצט איז שוין אויך ניטאָ די מינדסטע אָנונג פון די הײדען־און־מאָצאַרט איינפלוסן וואָס האָבן זיך געמערקט אין די אָפּוסן.

אין אָנפאַנג פון צווייטן פּעריאָד איז ער אַרויסרופנד, קעמפעריש און געוואַגט. אָבער פון נאַטור איז ער ניט געווען האַרט, ווי קעמפער דאַרפן זיין, און ניט געווען אין אים דער נאַטירלאַכער ווילן צום קאַמף. ער האָט באַדאַרפט אַ סטימולאַנט — אַ מעטאַדאַר און רויטן טוך. ער האָט ניט באַזעסן אָן אָרגאַנישע רעגונג צו בויען און שאַפן, קען זיין אַז צוליב זיין ניט־גלויבן אין זיך. (און די אינפעריאָריטעט — אָט די אייביקער ניט־זיכערקייט — איז אפשר געווען צוליב זיין פיזישער קראַנקהייט. די אורזאַך זאָלן פּסיכאָלאָגן ענטדעקן). בעטהאָווען האָט תמיד געזוכט אָן אָנלען און עפּעס פּאָזיטיווס אָדער נעגאַטיווס; גרויסע ליבע אָדער גרויסער האַס, בטחון אָדער מורא — עפּעס וואָס זאָל אים סטימולירן און אַרויסרופן און פאַרזיכערן אַז ער איז אַ „ממש".

צוליב דעם טיילט זיך דער צווייטער פּעריאָד אין צוויי טיילן. איין טייל — די קעמפערישע; די צווייטע — ווען ער הויבט זיך אָן אַרומצוקוקן און האָט מורא פאַר דעם שטורעם וואָס ער האָט געבראַכט. ער דערשרעקט זיך פאַר זיין אייגענעם כח, עס דערוועקט זיך מסתם ווידער אין אים צווייפל און ער זוכט שוין אַ פּאָזיטיוון אָנלען — ער וויל שוין אָקעגנטראָגן דער וועלט און גאָט ברויט, זאַלץ און וואַסער.



זיין שאַפן פון „עראָאיקאַ־פּעריאָד" איז פול מיט יוגנטלאַכן פלאַקער, גייסטיקער דערהויבנקייט און ענערגיע; לײַדנשאַפטלאַכן שאַרפן און באַטאָנענדיקן טראָפּ, פּרימיטיווער געוואַגטקייט, מיטרייסנדיקע ריטמען און פּלוצלימדיקע, איבעראַשנדיקע דיסאָנאַנסן. דערנאָך קומט דער דריטער און לעצטער פּעריאָד אין זיין שאַפן, דער פּעריאָד פון די סימפאָניעס.

דאָס איז די פּעריאָדע ווען ער האָט שוין געמאַכט אַ פּשרה מיט גאָט.

בעטהאָווען וואָס האָט תמיד באַדאַרפט אַ סטימולאַנט, האָט איצט געפונען דעם סטימולאַנט אין זיין גרויסן גלויבן אין גאָט, וועלט און מענטש.

אפשר ווען ער וואָלט געווען פיזיש געזונטער, וואָלט ער געשאַפן אין זיין לעצטן פּעריאָד ווערק פון אַ גאַנץ אַנדערן און להיפּוך׳דיקן כאַראַקטער ווי די וואָס ער האָט אונז געלאָזט. ווערק פון רעוואָלט און זיג, ווייל דאַן וואָלט ער סטימולירט געוואָרן פון אַ נעגאַטיוון כח.

אָבער אַלט און קראַנק, האָט ער געזוכט עפּעס וואָס איז פּאָזיטיוו, און האָט ער געפינען אין גלויבן און אין אַ מין בראונינג־אָפּטאָמיזם; אין אַן אָפּטאָמיזם פון

“God’s in his heaven; all is right with the world”

איך גלויב אַז עס וואָלט ניט געווען געוואַגט אָנצורופן דעם פּעריאָד, דער „קאַטוילישער פּעריאָד" אין בעטהאָווענ׳ס שאַפן. איצט אַז דער שטורעם איז אַריבער און אַלץ האָט זיך איינגעשטילט, איז ער אַרויס באַטראַכטן זיינע נחלות. געגאַנגען פּאַמעלאַך, מיט נעציילטע טריט, אָפּגעשאַרט מיטן שטעקן יעדעס שטיקל פּאַפּיר, באַוואונדערט יעדן האָז און יעדן טראָפּן טוי, און גענומען פירן אַ קינסטלערישע באַלעבאַטישקייט. און אַ באַלעבאַטישקייט אויף בעטהאָווען־שטייגער! און דער פּעריאָד, דער בירגערלאַכער, איז אפשר דער וויכטיקסטער פאַר דער קונסט. פון דעם פּעריאָד האָבן זיך זיינע תלמידים געלערנט עקאָנאָמיע און פאַרשידענע טעכנישע קליין־וויכטיקייטן.

ניטאָ די אַלץ־פאַרשווענקנדיקע לײַדנשאַפט פון צווייטן פּעריאָד, דערפאַר אָבער: קאָלאָסאַלער געבוי, ריזיקע אַרכיטעקטור און אַ זעלטענע באַאָבאַכטונגס־קראַפט פאַר איינצלהייטן און דעטאַלן.